# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## קֵינְמָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן וֵויי טוּן אַ מַאמֶע

דִי פְרוֹי שְׁטֵייט אוּן כְלִיפֶּעט... זִי וֵויינְט: "רֶבִּי הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַן עֶלֶנְדֶע פְרוֹי, מַיין מַאן לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, אוּן מַיין זוּן שְׁלָאגְט מִיךְ אוּן עֶר שְׁטוּיסְט מִיךְ... רֶבִּי אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס... רֶבִּי, מַיין זוּן, עֶר ווִיל מִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען..."

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ דֶערְצֵיילְן מִיר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים צַדִיק דֶער בַּאבַּא סַאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. צוּם עֶרְשְׁט ווִילְן מִיר פְרֶעגְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס מֵיינְט בַּאבַּא סַאלִי?

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחֲצִירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען רָב אִין מָארָאקָא, אִין דִי שְׁפְּרַאךְ מָארָאקִישׁ אִיז בַּאבַּא אַ 'חָכָם', אוּן סַאלִי אִיז 'אִידְן', דִי חָכָם פוּן דִי אִידְן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דִי שְׁטָאט נְתִיבוֹת, דָארְט הָאט דֶער צַדִיק גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

אֵיין טָאג קוּמְט אַרַיין אַן אַלְטֶע פְרוֹי מִיט
אַ הוֹיכֶער מֶענְטְש, דִי אַלְטִיטְשְׁקֶע פְרוֹי הָאט
אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין אַן עֶלֶנְדֶע פְרוֹי, מַיין מַאן לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, אוּן מַיין זוּן שְׁלָאגְט מִיךְ אוּן עֶר שְׁטוֹיסְט מִיךְ... רֶבִּי אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס... רֶבִּי, מַיין זוּן, עֶר ווִיל מִיךְ הַרְגְ׳עֶנֶען..."

דֶער צַדִיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, עֶר הָאט זִיךְ מַמָשׁ גֶעשְׁטִיקְט מִיט וֵויינֶען: "אוֹי וֵויי... אוֹי וֵויי... וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַ מַאמֶע וָואלְט אִיךְ אִיר גֶעהָאלְפְן, אִיךְ וָואלְט גֶעזִיצְן מִיט אִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר..." דֶער צַדִיק וֵויינְט אוֹיפְן קוֹל: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען...?!"

דֶער זוּן הָאט גֶעהֶערְט ווִי דֶער צַדִיק וֵויינְט הָאט עֶס אָנְגֶערִירְט זַיין נְשָׁמָה אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם צַדִיק: "אִיךְ זָאג צוּ, אִיךְ וֶועל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן מַיין מַאמֶע, אִיךְ וֶועל אִיר מֶער נִישְׁט וֵויי טוּן, אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין אַ גוּטֶער אִיד".



טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר אַלֶע זָאגְן אוֹיךְ צוּ: "מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ מַאמֶע, מִיר וֶועלְן זַיין גוּטֶע אִידְן".

**גענומען פון ספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ
יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1